# חנוכה : בימים ההם...

**2448**
יציאת מצרים

**2488**
כניסה לארץ ישראל

**3928 - 3338**
תקופת בית ראשון

**3338 - 3408**
גלות בבל
3405 - נס פורים

## 3408 - 3828
## תקופת בית שני

**3550**
יוסף בן טובי'ה, מיסד של כת המתיונים, משתמש בתפקיד של 'מוכסין'(tax collector) לרדוף את היהודים

**3515**
תרגום שבעים
תלמי השני צוה 72 חכמים לתרגם את התורה ללשון יוני

**3454**
אלכסנדר מוקדון מת - ממלכתו נחלקת לארבע
ארץ ישראל תחת תלמי הראשון מארץ מצרים

**3448**
אלכסנדר מוקדון, מנהל ממלכה אדורה, כבש את ארץ ישראל והפיץ תרבות היונית במדינתו

**3600**
אנטיוכוס הרשע מלך על ארץ ישראל, וממשיך - על עצת המתיונים - לגזר גזירות שמ"ד נגד היהודים

**3621**
מרידת מתתי'הו ובניו כנגד היונים

**3622**
חנוכת הבית אחר נצחון של יהודה המכבי והחשמונאים
נס עם פח השמן שדלק ל8 ימים
יהודית הרגה את אליפורני

**3623**
החכמים קבעו שמונת ימי חנוכה לזכור הנס עם פח השמן

TORAHUMESORAH

**3448**
אלכסנדר מוקדון כבש ארץ ישראל
הפצת תרבות היונית במדינתו

**3454**
אלכסנדר מוקדון מת
ארץ ישראל תחת תלמי הראשון מארץ מצרים

**3515**
תרגום שבעים

**3550**
יוסף בן טובי'ה, מיסד של כת המתיונים, משתמש בתפקיד של 'מוכסין' (tax collector) לרדוף את היהודים



## 3448
174 יאר פאר נס חנוכה

ס'איז שווער צו גלייבן, אבער אלס איינער פון די פרחי כהונה וואס זענען נעכטן ארויס מקבל פנים זיין דער מלך, האב איך אלעס געזעהן מיט מיינע אייגנע אויגן: אלכסנדר מוקדון, דער פארכטיגע, מעכטיגע הערשער אליין, איז אראפ פון זיין פערד און האט זיך אראפגעבוקט צו שמעון כהן גדול! געלויבט צו ג-ט, וואס ער האט צוגעהערט צו אונזערע תפילות!

היינט אינדערפרי, האט מיין חבר אליקים'ס קליינע ברודער געהאט א ברית; מען האט אים א נאמען געגעבן "אלכסנדר". אליקים האט מיר ערקלערט אז ווען אלכסנדר האט געוואלט אויפשטעלן א געשטאלט פון זיך אינעם בית המקדש, האט שמעון כהן גדול אים ערקלערט אז דאס איז אוממעגליך. ער האט אים אבער מפייס געווען מיט דעם אז מען וועט אים מכבד זיין דורך אנדערע וועגן. למשל, ער האט צוגעזאגט אז א כהן וואס וועט געבוירן א אינגל וועט אים א נאמען געבן "אלכסנדר" נאך דער קעניג.

## 3458
164 יאר פאר נס חנוכה

ס'איז געווען א שווערע וואך. אונזער נייע קעניג, דער רשע תלמי פון מצרים (וואס האט פארכאפט ארץ ישראל פון סליקוס), האט געפאנגען איבער 100,000 אידן צו דינען אלס סאלדאטן אין זיין ארמיי, אדער צו פארקויפן אלס קנעכט. ברוך ה' אז איך האב געקענט אנטלויפן, אבער מיין ברודער אבינועם האבן זיי געפאנגען ר"ל. זיין ווייב און קינדער זענען יעצט נעבעך אליין, אן קיין פרנסה. ווי אזוי וועלן זיי ווייטער אנגיין? איך בין זיכער אז אידן וועלן פרובירן צו העלפן משפחות אין די מצב, אבער מיט די שווערע שטייערן וואס תלמי פאדערט, קענען מיר קוים אויסהאלטן אונזערע אייגנע משפחות...





## 3502
164 יאר פאר נס חנוכה

היינט האב איך אונטערגעהערט צוויי אידן רעדן אין די יונ'ישע שפראך. דאס איז נישט געווען דאס ערשטע מאל, אבער איך ווער שאקירט יעדעס מאל פונדאסניי. ס'זעהט אויס אז דאס ווערט צוביסלעך מער אנגענומען צווישן אונז...



## 3515
107 יאר פאר נס חנוכה

תלמי השני איז אנדערש פון זיין טאטע - ער פירט זיך גאנץ בחסד מיט אונז, און ווייל ער איז זייער א געלערנטע מענטש, א פיליסאף, שאצט ער אפילו אונזערע חכמים.

א שטיק צייט צוריק האט תלמי באפוילן 72 תלמידי חכמים איבערצוטייטשן די הייליגע תורה אויף די יונ'ישע שפראך. יעדער רעדט יעצט וועגן די גרויסע נס, אז אלע 72 חכמים האבן עס געטייטשט פונקליך די זעלבע, אבער אַבָּא זאגט אז דאס איז א גרויסע צרה, ווייל די יונים טראכטן יעצט אז די תורה איז פשוט א חכמה ווי אלע אנדערע חכמות.

## 3570
52 יאר פאר נס חנוכה

די מתיונים ווערן שטערקער און שטערקער... און דאס לעבן ווערט אלץ שווערער פאר אונז אידן וואס גייען נאך די חכמים. יוסף בן טובי'ה האלט אין איין פארהעכערן די שטייערן כדי צופרידן צו מאכן זיין פריינט, דער קעניג - ער צווינגט אונז צו צאלן, און דאן האלט ער האלב די געלט פאר זיך.

ליידער, טוט זיין גרופע מתיונים כסדר וואקסן. מ'קען זיי גרינג דערקענען אין די גאס: זיי גייען אנגעטוען ווי יונים, זיי רעדן די יונ'שע שפראך, און ס'זעהט אויס אז זיי פירן זיך אויך ווי זיי...



TORAHUMESORAH

**3600**
אנטיוכוס הרשע גזר
גזירות נגד היהודים

**3621**
מרידת החשמונאים
כנגד היוונים

**3622**
נס חנוכה

**3623**
החכמים קבעו שמונת
ימי חנוכה לזכר הנס
עם פח השמן



## 3610
### 12 יאר פאר נס חנוכה

איך האב קיינמאל נישט געזעהן אַבָּא אזוי ברוגז ווי ער איז געווען היינט, ווען ער האט אויסגעפונען אז איך בין געווען ביים דזשימנאזיום נעבן דער בית המקדש. ער האט מיר פארבאטן פון טרעטן אין די געגנט נאכאמאל.

איך מיין אז אַבָּא מאכט א גרויסע טראסק פון גארנישט. דער דזשימנאזיום איז פשוט א פלאץ וואו מען קען זיך אויסלופטערן און אויסארבעטן דאס גוף - זיי צווינגען קיינער נישט צו גיין קעגן די תורה! וואס קען שוין זיין?



## 3618
### 4 יאר פאר נס חנוכה

איך בין שוואך און אויסגעמוטשעט. איך בין נאך נישט צוריקגעקומען צו מיינע כחות נאך מיין קליין אינגעלע איז געבוירן, און יעצט האט די שווערע רייזע מיר ווייטער אפגעשוואכט. אבער מיר האבן נישט געהאט קיין ברירה - דער רשע פיליפוס, וועם אנטיוכס האט באשטימט אויסצופירן זיינע שרעקליכע גזירות אין ירושלים, האט עס געמאכט אוממעגליך פאר ערליכע אידן צו בלייבן וואוינען אין שטאט.

מיין צדיק'ל איז שוין צוויי חדשים אלט, און עס צעברעכט מיין הארץ צו טראכטן אז ער האט נאך נישט געהאט א ברית. עס איז אבער צו א גרויסע סכנה - יואב האט מורא פון די מוסרים וואס לאקערן איבעראל. דערווייל, האט ער נאך נישט קיין נאמען.

דער מצב איז געפערליך: די בית המקדש האבן זיי פארשמוצט און מטמא געווען, צענליגע אידן ווערן גע'הרג'ט יעדן טאג על קידוש ה'... אוי, באשעפער, ווי לאנג נאך קען דאס אנגיין?



## 3621
### 1 יאר פאר נס חנוכה

דער שטוב איז אזוי ליידיג אן אַבָּא און מיינע צוויי ברידער. זיי זענען געגאנגען מיט מתתיהו און זיינע זין צו מלחמה צו האלטן קעגן די יונים. איך דאווען פאר זיי כסדר. (נָדָב איז נישט מיטגעגאנגען, פארשטייט זיך; ער געהערט יעצט צום 'אנדערן זייט'... אבער איך וויל בעסער נישט טראכטן דערוועגן.)
פאר זיי זענען געגאנגען, האט אַבָּא מיר געזאגט צו האבן בטחון אין די הילף פון ה', אבער איך האב מורא אז איך וועל זיי שוין מער נישט זעהן... ווי אזוי קען זייער קליינע גרופע 'סאלדאטן' בייקומען די מעכטיגע ארמיי פון די יונים?



## 3622
### נס חנוכה

אריינטרעטן אינעם בית המקדש נאך אזא לאנגע צייט איז געווען ביטער-זיס; אוי, האט עס וויי געטוען איר צו זעהן אין אזא צושטאנד! ס'האט געדויערט מער ווי א וואך איוסצורייניגן די מקדש און עס צוצוגרייטן פאר די עבודה, ווייל מיר האבן געדארפט בויען נייע כלים אנשטאט די כלים וואס די יונ'ישע רשעים האבן מטמא געווען אדער צוגענומען.

ענדליך,דריי טעג צוריק, האט מען געפראוועט די חנוכת הבית. יוחנן כהן גדול האט אנגעצינדן די מנורה מיט דאס קליין קריגעלע ריינע שמן זית וואס מען האט געטראפן. אויך דעמאלס איז די שמחה אבער נישט געווען גאנץ, ווייל מען האט געוואוסט אז פאר די נעקסטע וואך וועט מען נישט קענען צינדן, ווילאנג מען ווארט אויף די פרישע שמן זית אנצוקומען. אויך איז די מנורה געווען געמאכט פון האלץ אנשטאט גאלד.

שטעל זיך פאר די פרייד ווען מיר האבן געזעהן אז די לעכט ברענען ווייטער די נעקסטע טאג! און זיי ברענען נאך אלץ - א נס! - אפשר וועלן זיי ווייטער ברענען ביז די נייע שמן איז גרייט! איך קען קוקן אויף די פלאמען א גאנץ טאג - עס מאכט מיין הארץ זינגען. הודו לה', וואס ער האט אונז געראטעוועט פון די הענט פון אונזער פיינט, און וואס טוט ווייטער מאכן וואונדער פאר זיין פאלק!

TORAHUMESORAH